# פרשת קרח כ"ז סיון – ג' תמוז תשע"ח לפ"ק

*__יום ראשון פרשת קרח__*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל עצרת הספד והתעוררות על פטירת אחיו **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל**, שהתקיים בית מדרשנו בוומסב"ג במעמד קהל רב ורבנים חשובים.

בעצרת הספידו: חתנו **הרה"ג רבי עוזר פריעד שליט"א**, בנו הגדול **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א** אב"ד חרדים, **הרה"ג רבי יעקב שלמה מייזעלס שליט"א** אב"ד לימנוב, חתנו **הרה"ג רבי בנציון ראבינאוויטש שליט"א**, בנו מ"מ **הרה"ג רבי אהרן כ"ץ שליט"א** אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג, **הרה"ג רבי יצחק אייזיק קרישעווסקי שליט"א** ר"מ בישיבת סאטמאר וומסב"ג.

*

*__יום שני פרשת קרח__*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לעבר הבית החיים בעיר (ברחוב 21), והתפלל על ציון זקנו **הרה"צ רבי יעקב עהרענרייך זצ"ל** (חתן הגה"ק בעל קול ארי' זי"ע, ואביו של הגה"ק משאמלויא זצ"ל) ביומא דהילולא.

משם נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל מסיבה מפוארה לטובת בניית בית מדרשנו החדש 'תפארת יהושע' במאנסי, שהתקיימה בבית הר"ר **אברהם יצחק גאלדבערגער** הי"ו, ונשא מדברותיו.

*__וזה תוכן הדברי תורה:__*

**פותחין** בכבוד האכסניא, רבי אברהם זאל זיין געזונט, וואס האט געמאכט זיין שטוב א בית ועד לחכמים, א מקום וואו מען קומט זיך צוזאם כדי אויפצושטעלן א בית ועד לחכמים, א בית המדרש צו דאווענען און צו לערנען. א בית ה', א שטוב פארן אייבערשטען, און א שטוב פאר זיך אליין. יעדער איינער ווייסט וואס עס מיינט, אז א מענטש האט נישט קיין שטוב, עס פעלט אים א גרויס חלק פון זיין לעבן. כביכול דער אייבערשטער האט אויך א בית אויף דער וועלט, די בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבבל דאס איז דער בית ה'. עס איז היינט נישט דא קיין בית המקדש, וואו עס איז אמאל געווען די השראת השכינה, אבער דער אייבערשטער רוהט אין יעדן בית המדרש וואו מען קומט זיך צוזאם, און מען לערנט און מען דאווענט. און עס איז א געוואלדיגע זכות פאר יעדן איינעם וואס נעמט אנטייל אין אויפבויען א בית פארן רבונו של עולם.

**די** וואך אין סוף פון די פרשה, איז די פרשה פון תרומות און מעשרות. בשעת מען וועט אריינקומען קיין ארץ ישראל, דארף יעדער יוד מפריש זיין א חלק פאר די כהנים, און א חלק פאר די לוים. ווען מען האט צוטיילט ארץ ישראל האט יעדער באקומען א פלאץ צו וואוינען, און א פלאץ פאר פעלדער, וואס פון דעם האט מען זיך ערנערט, אבער שבט לוי האט נישט באקומען א נחלה אין ארץ ישראל, זיי האבן נאר באקומען א פלאץ צו וואוינען, אבער אויסער דעם האבן זיי נישט באקומען עפעס אנדערש. מען דארף דאך אבער לעבן, האט דער אייבערשטער געהייסען, אז כלל ישראל דארף מפריש זיין תרומות און מעשרות, א צענטל פון וואס כלל ישראל האט, און עס אוועקגעבן פאר שבט לוי, כדי זיי זאלן קענען דינען דעם אייבערשטען.

**אין** פסוק (במדבר יח-כט) שטייט, ונתתם ממנו את תרומת ה' לאהרן הכהן, די תרומה זאל מען געבן פאר אהרן הכהן. די גמרא (סנהדרין צ:) שטעלט זיך, אהרן הכהן האט דאך נאר געלעבט אינעם מדבר, ער איז נישט אריינגעגאנגען קיין ארץ ישראל, און אין מדבר האט מען נישט געגעבן קיין תרומות און מעשרות, וואס איז טייטש ונתתם ממנו את תרומת ה' לאהרן הכהן, אז מען

זאל עס געבן פאר אהרן. זאגט די גמרא, מכאן לתחיית המתים מן התורה, פון דא איז א ראיה, אז עס וועט זיין תחיית המתים. ווען משיח וועט קומען, וועט אהרן הכהן אויפשטיין, און מיר וועלן אלע האבן פעלדער אין ארץ ישראל, און מיר וועלן אלע געבן תרומה פאר אהרן. יעצט אין מדבר האט מען אינגאנצן נישט געגעבן, און ווען מען וועט אריינגיין קיין ארץ ישראל, וועט דאך אהרן נישט לעבן, וועט מען געבן פאר די בני אהרן, אבער לעתיד וועט מען געבן פאר אהרן הכהן אליין. פארוואס האט די תורה געשריבן די ענין פון תחיית המתים דא ביי תרומה. אז מען דארף א רמז אז תחיית המתים איז מן התורה, וואס איז די רמז דא ביי תרומות און מעשרות.

**אין** פשטות קען זיין, ווייל די גמרא (כתובות קיא:) זאגט, אז נישט יעדער וועט אויפשטיין תחיית המתים. כי טל אורות טלך (ישעיה כו-יט), כל המשתמש באור תורה, ווען איינער לערנט תורה, אור תורה מחייהו. טל פון תחיית המתים איז תלוי אין תורה. אז מען זיצט און מען לערנט תורה, וועט אים די תורה ברענגען צו תחיית המתים, אבער ווער עס האט נישט אויף זיך טל תורה, וועט ער נישט זוכה זיין צו תחיית המתים. ווען רבי אלעזר האט געזעהן נאך די דרשה אז דער עולם איז צוגעלייגט, קען דען יעדער זאגן אז ער האט זוכה געווען צו תורה, און ער וועט זוכה זיין צו תחיית המתים, אז דו זאגסט אז ווער עס האט נישט קיין תורה וועט נישט זוכה זיין צו תחיית המתים. האט ער זיי נאכדעם געטרייסט, און ער האט זיי געזאגט, עס שטייט אין די תורה (דברים ד-ד) ואתם הדבקים בה' אלקיכם, אז מען זאל זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען. קען זיך דען א מענטש מדבק זיין אינעם אייבערשטען, דער באשעפער איז דאך אש אוכלה (שם ד-כד), א פייער, און מיט פייער קען מען זיך נישט מדבק זיין. אלא, זאגט די גמרא, זיי דיך מדבק צו תלמידי חכמים, וועט עס ווערן גערעכנט ווי דו האסט זיך מדבק געווען אינעם אייבערשטען. ווען איינער איז זיך מדבק צו תלמידי חכמים, ער איז מהנה תלמידי חכמים, ער טוט פרקמטיא מיט א תלמיד חכם, ווען ער טוט א שידוך, נעמט ער א איידעם א תלמיד חכם, אז דו האסט א חיבור צו א תלמיד חכם, וועסטו זוכה זיין צו תחיית המתים.

**קומט** דאך אויס, אז אפילו נישט יעדער איז זוכה צו תחיית המתים מצד עצמו, אבער דער וואס טוט צוהעלפען פאר תורה, ער העלפט צו פאר שבט לוי, דער איז זוכה צו תחיית המתים. תרומות און מעשרות איז דאך צוצוהעלפען פאר שבט לוי, אז שבט לוי זאל קענען דינען דעם אייבערשטען. האט די תורה דא געשריבען ונתתם ממנו לאהרן הכהן, אז דו יודען וואס געבן תרומות און מעשרות, זענען זיי מחזיק תורה, שבט לוי איז דאך געווען די יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל, עטץ וועטס זוכה זיין צו געבן ענקער תרומות און מעשרות לעתיד פאר אהרן, ווייל עטץ וועטס זוכה זיין צו תחיית המתים. כדי ארויסצוברענגען די חשיבות פון געבן פאר שבט לוי, האט די תורה געשריבען דא אין די פרשה א רמז אויף תחיית המתים.

*

**שבט** לוי האט נישט געהאט א נחלה אין ארץ ישראל, ווייל זיי האבען געטון די עבודה אין בית המקדש, כהנים בעבודתם ולוים בדוכנם. זיי זענען געווען איינגעטיילט, יעדע וואך האבן זיך געטוישט די כהנים און די לויים וואס האבען געטון די עבודה. דער אייבערשטער האט געוואלט, אז עס זאל שטענדיג זיין איין שבט אין כלל ישראל, וואס זענען נישט פארטון אין עולם הזה. זייער לעבן זאל זיין אין עולם הבא, זייער לעבן זאל זיין אין רוחניות, אין עבודה. על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים (אבות א-ב). עס דארף זיין א שבט פון יודען, וואס זיי זענען עובדי ה'. אויב מען וועט זיי געבן א נחלה אין ארץ ישראל, וועלן זיי זיין פארנומען מיט זייער ביזנעס, מען וועט דארפן אקערן, מען וועט דארפן אנזייען, און שניידען. האט די תורה געזאגט, פאר ענק געב איך נישט א חלק אין עולם הזה. ענק באקומען נישט א נחלה אין ארץ ישראל, ענק זענען אפגעשיידט צו דינען די עבודה אין בית המקדש. מען דארף דאך לעבן,

האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט אז די אלע אנדערע צען שבטים, דארף יעדער אוועקגעבן א חלק פון זיין פארדינסט פאר שבט לוי, און אזוי קען שבט לוי לעבן.

**אין רמב"ם** (הל' שמיטה ויובל יג-יג) שטייט, אז אפילו מיר האבן נישט היינט קיין שבט לוי, עס איז נישט דא קיין תרומות און מעשרות, זאגט אבער דער **רמב"ם**, אז יעדער יוד וואס נעמט אויף זיך, זיך אוועקצוגעבן פאר תורה, ער ווארפט אראפ פון זיך די עול חשבונות פון עולם הזה, און ער לייגט זיך אריין אין תורה, ווערט ער נתקדש קודש הקדשים, ער ווערט נתקדש פאר קדושה, און עס ליגט א חיוב אויף גאנץ כלל ישראל, מחזיק צו זיין די יודען וואס דינען דעם אייבערשטען. אזוי ווי דעמאלטס האט מען געדארפט מחזיק זיין די לויים, איז היינט אז עס איז נישט דא קיין שבט לוי, זענען די אלע וואס דינען דעם אייבערשטען אין כלל פון שבט לוי. - און אז מען איז מחזיק דעם שבט לוי, ונתתם ממנו לאהרן הכהן, וועט מען זוכה זיין צו תחיית המתים לעתיד, אפילו מען האט נישט קיין אייגענע טל תורה, פון דעסטוועגן דאך, וועט זיי דער טל תורה מחיה זיין.

**עס** איז טאקע דא היינט אויך א שבט לוי וואס דינט דעם אייבערשטען, און יודען זענען זיי מחזיק. דאס מיינט אבער נישט, אז עס איז דא אין שבט לוי וואס זיי דארפן דינען דעם אייבערשטען, און פאר אונז איז גענוג דאס וואס מיר זענען מחזיק דעם שבט לוי. **יעדער יוד דארף אויך אראפנעמען פון זיך, פון זיין צייט, און ווערן א לוי. יעדער יוד דארף קובע זיין עתים לתורה, ער דארף יעדן טאג אראפנעמען א צייט, די שעה לערן איך. ער דארף דריי מאל אין טאג קומען אין בית המדרש, און דאווענען שחרית מנחה און מעריב. די צוויי שעה וואס א מענטש גיט אוועק פאר תורה ותפלה, דעמאלטס איז ער דער לוי וואס איז דא אין כלל ישראל. די שעה וואס ער קומט אין בית המדרש, און ער איז קובע עתים לתורה, ער דאווענט, ער לערנט, די שעה דארף ער זיך אפשיידען פון עולם הזה, דאס איז דער צייט וואס דער מענטש איז דער שבט לוי.**

שבט לוי האט נישט געהאט אין די ביזנעס, ווייל זיי האבן נישט געהאט אין וואס פארא געשעפטען אריינצולייגען זייער קאפ, ווייל זיי האבן נישט געהאט א נחלה. די שעה וואס א יוד איז ביי תורה ותפלה, דארף ער זיין אפגעזונדערט. דאס גיב איך אוועק פארן רבונו של עולם. שבט לוי איז אין כלליות פון כלל ישראל, און די שעות וואס א יוד איז קובע עתים לתורה ותפלה, דעמאלטס איז דאס זיין חלק אינעם שבט לוי. און שבט לוי דאס איז דער חלק ונחלה פונעם אייבערשטען. די שעה באקומט ער זיין חלק ונחלה אינעם בית ה', און פון דעם וואס ער איז געזעסן און געלערנט תורה, איז ער זוכה שפעטער צו תחיית המתים.

**די** גמרא (ברכות נז:) זאגט אז א דירה נאה איז מרחיב דעתו של אדם. כדי ער זאל האבן הרחבת הדעת, דארף ער האבן א געהעריגע דירה. אז מען וואוינט אין א ענגע דירה, פעלט דער הרחבת הדעת. די זעלבע איז אויך אין א בית ה'. מען זעהט עס בחוש, אז א בית מדרש וואס איז געהעריג אהערגעשטעלט, מיט א היכל תורה, און א היכל התפלה, קומט מען אריין און מען דאווענט רואיגער. עס איז א אנדערע סארט דאווענען, עס איז א אנדערע סארט לערנען, ווי ווען עס פעלט.

**ווען** מען האט געדארפט געבן געלט פאר שבט לוי, האט מען געדארפט געבן געלט פאר א פרעמדע שבט לוי, און אוודאי אז פאר זיין אייגענעם חלק לוי, אז ער זאל קענען זיצען און לערנען און דאווענען, ער זאל האבן א בית ה', ער זאל האבן א פלאץ אין א שטוב, ווי ער קען דארט מקדיש זיין די שעה צו לערנען און צו דאווענען, דארף ער אוודאי אוועקגעבן א חלק פון זיין פארמעגן. געב אוועק די מעשר פון דיין פארמעגן פאר דיין שבט לוי אליין, פאר דיינע שעות, אז דו זאלסט קענען זיצען און לערנען, און דינען דעם אייבערשטען.

*

**איך** האב שוין כמה פעמים גערעדט, אז אמאל איז געווען א בית המדרש נאר צום דאווענען.

עס איז געווען א בית הכנסת, א שול צו דאווענען. מען האט אפילו נישט געלערנט דארט, עס איז געווען מיוחד נאר צו דאווענען. און עס איז געווען עקסטער א בית המדרש, וואס איז געווען מיוחד צו לערנען. מן הסתם וועגן דעם האט מען עס אפגעטיילט, ווייל דער בית הכנסת איז געווען פארן גאנצן ציבור, א שטאט האט געדארפט האבן א שול, ווייל דאווענען האט יעדער געדאווענט. אבער א בית המדרש צו לערנען, איז געווען נאר פאר געציילטע יודען וואס האבען געלערנט, האבן זיי געהאט א קליין שטיבל וואס מען האט געמאכט פאר א בית המדרש צום לערנען. על כל פנים א בית הכנסת און א בית המדרש איז געווען א פלאץ צו לערנען און דאווענען. **היינט איז א בית המדרש נישט נאר צום לערנען און צו דאווענען, נאר צו זיין א יוד דארף א מענטש האבען א בית המדרש, וואו ער זאל זיך צוזאמקומען מיט זיינע חברים אינאיינעם, און דארט באקומען חיזוק און עידוד אויף זיין גאנצע טאגעדיקע לעבן. און ווען איינער האט עס נישט, פעלט אים א חלק פון זיין לעבן. עס איז נישט גענוג אז עס איז דא א בית המדרש, און ער גייט דארט אריין, און ער דאווענט אפ, און ער גייט ארויס, און ער האט נישט קיין שום שייכות מיט דעם פלאץ, און ער האט נישט קיין שום חברותא אין יענעם מקום. די היינטיגע חברותא פון א יונגערמאן צוזאמען מיט אנדערע ערליכע יונגעלייט, דאס האלט אויף א מענטש ביי יודישקייט. זיין דאווענען איז אנדערש, זיין לערנען איז אנדערש, זיין שטוב וואס ער פירט איז אנדערש, עס מאכט א געוואלדיגען רושם.**

**א ראיה דערויף איז. ווייל מען זעהט, ווען א מענטש וויל פאלן, איז די ערשטע זאך לאזט ער איבער דעם בית המדרש וואו ער איז געווען, און ער מופ"ט אוועק אויף א פלאץ וואו מען קען אים נישט, און דארט וועט ער טון וואס ער וויל, ער וויל נישט האבן די פרעשו"ר פון די ארום און ארום. די אלע וואס זוכען זיך א פלאץ, זיך ארויסצודרייען פון די חברותא פון די ישיבה וואו זיי האבן געלערנט פארדעם, איז על פי רוב די סיבה, ער וויל נישט האבן דעם עול פון ארום און ארום, אז מען זאל אים פארהאלטען, פארוואס ביסטו נישט געקומען לערנען, פארוואס ביסטו נישט געקומען דאווענען, פארוואס איז דיין שטוב אזוי און אזוי. היינט איז דער בית המדרש, דער מקום ווי א יוד האלט אויף זיין יודישקייט, און דאס איז זייער וויכטיג צו האבן.**

**אמאל** האט מען געזאגט, אז ביי א יוד איז די ערשטע שטוב אינדערהיים, און זיין צווייטע שטוב איז דער בית המדרש. היינט איז פארקערט, **היינט דארף צו זיין די ערשטע שטוב דער בית המדרש, און די צווייטע שטוב דארף זיין זיין היים.** אמאל איז יעדע שטוב געווען הייליג, מען האט געוואוינט אין שטעטלעך און דערפלעך, מען פארט היינט צוריק אין יורא"פ, און מען קוקט ווי אזוי עס זעהט אויס, מען האט גארנישט געהאט וואס צו טון אינדערהיים, וואס זאל אים שטערן פון לערנען. ווען מען האט אפגעטון די ארבעט, און מען איז אהיימגעקומען אין שטוב, איז גארנישט געווען וואס צו טון. עס איז נישט געווען קיין צייטונגען, עס איז נישט געווען מיט וועם צו רעדן, און מיטן גוי האט מען נישט געהאט קיין שייכות, מען איז געזעסן און געלערנט אין שטוב, מען איז אויפגעשטאנען פארטאגס און מען האט געלערנט. היינט וואוינט מען אין אזא גרויסע וועלט, אין א גרויסע שטאט, אין א טריפה'נע וועלט, דאס ביסל יודישקייט וואס מען האט, איז פונעם בית המדרש. **מען דארף וויסען נישט גרינג צו שעצן, און זאגען, איך וועל שוין טרעפן א פלאץ וואו איך וועל דאווענען, איך האב וואו אריינצוגיין. מען דארף זיך צוזאמהאלטען מיט א חברותא, דאס טוט צוזאמההאלטען זיין יודישקייט. זיין גאנצע הנהגה, זיין גאנצע אויסשטעל, ווענדט זיך בדרך כלל אין וואס פאר א מקום ער געפינט זיך, און וואו ער איז קובע זיין מקום פאר תורה ותפלה.**

**איך** באוואונדער די יונגעלייט וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דא, און מען האט זיך אזוי שיין צוגעשטעלט צו בויען א בית המדרש. **מען בויהט עס פאר זיך אליין. עס איז נישט פאר א פרעמדען, עס איז פאר דיר. דו זאלסט האבן א**

**פלאץ וואו צו לערנען, און צו דאווענען. דו זאלסט האבן א חברותא מיט וועם דו זאלסט קענען פארברענגען אין אלע צייטען. דו זאלסט האבן א פלאץ וואו איינער זאל דיך אויסהערן ווען דו האסט א פראבלעם, דו זאלסט האבן מיט וועם עס אדורכצושמועסן**, דאס אלעס איז דאס בית המדרש וואו א מענטש דאווענט.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער טון דברים טובים, מען בעהט (בזמירות למוצאי שבת) בורא עולם בקנין השלם זה הבנין. איך זאג אלץ, אז 'השלם' זה הבנין, האט צוויי טייטשען. אדער אז דער אייבערשטער זאל 'ענדיגען' דעם בנין, און השלם איז אויך טייטש, אז מען זאל קענען 'באצאלען' דעם בנין. בורא עולם בקנין, השלם זה הבנין, מען זאל קענען באצאלען דעם בנין, מען זאל קענען משלם זיין דעם בנין. און די צוויי פשטים גייען צוזאמען, וויפיל עס איז דא פון איין השלם, איז דא פון די צווייטע השלם. זאל דער אייבערשטער געבן, אז אין דעם זכות זאלט עטץ געבענטשט ווערן, מען זאל זעהן קינדער און אייניקלעך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצוות, פרנסה בהרחבה, מיט אסאך שמחות און נחת. און מיר זאלן אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שלישי פרשת קרח</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **זלמן לייב וואגשאהל** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), ולבן הר"ר **דוד זינגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להבית החיים בניו דזשערסי, להשתתף אצל הקמת מצבה של אחיו **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל**.

משם נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** לחיים לרגל האירוסין של החתן **חיים יהושע נאה** ני"ו, בן הר"ר **מרדכי נאה** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אלעזר מענצער** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן ש"ב הרב **זלמן לייב וואגשאל** שליט"א, שהתקיים באולם רויאל מענאר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל המסיבה לטובת הכולל בוומסב"ג שהתקיים בבית הרה"ג רבי **מיכל ניימאן** שליט"א, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**פותחין** בכבוד האכסניא, רבי מיכל זאל זיין געזונט, וואס שוין דרייסיג יאר, כולן שוין לטובה, איז ער א עושה ומעשה פארן כולל. און יעצט האט ער אריינגעברענגט דעם כולל אין שטוב אריין. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, אז ער זאל זעהן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, מתוך שמחה ונחת.

**די** סוף פון די פרשה די וואך, רעדט זיך פון תרומות און מעשרות. ווען מען האט צוטיילט ארץ ישראל, האבן אלע שבטים באקומען א חלק, אבער פאר שבט לוי האט מען נישט געגעבן א חלק, און נישט קיין פעלדער וואס זיי זאלן קענען האבן פון דעם פרנסה, זיי האבן נאר באקומען די ערי הלוים, א פלאץ צו וואוינען, און די מגרשים ארום און ארום, אבער נישט א מקום פרנסה, פון וואו זיי זאלן זיך קענען מפרנס זיין. און דער אייבערשטער האט געהייסען פאר אלע שבטים, אז זיי זאלן אוועקגעבן תרומות און מעשרות פאר שבט לוי, פון דעם זאלן זיי האבען פרנסה צו קענען לעבן.

**אין** חז"ל (תענית ט.) שטייט, אז מעשר ברענגט עשירות. עשר תעשר (דברים יד-כה), עשר בשביל שתתעשר. דורך דעם וואס כלל ישראל וועט געבן מעשר פאר שבט לוי, וועלן זיי נתעשר

געווארן. היינט איז נישט דא קיין שבט לוי, אבער עס שטייט אין **רמב"ם** (הל' שמיטה ויובל יג-יג) אז די אלע וואס זענען זיך פורש פון די וועלט, און זיי זעצן זיך אריין אין בית המדרש, און ווארפן אראפ פון זיך דעם עול החשבונות פון עולם הזה, און זיי זיצען און לערנען תורה, דאס איז דער שבט לוי היינט, און זיי זענען נתקדש געווארן קודש קדשים פארן אייבערשטען. וואס מען האט געדארפט אמאל ארויסהעלפן פאר שבט לוי, דארף מען היינט ארויסהעלפן פאר די לומדי תורה.

**דער חתם סופר** (בפרשתנו צה.) זאגט א דבר נפלא, ווען א יוד האט געגעבן מעשר, האט ער אוועקגעגעבן א צענטל פון וואס ער האט געהאט, און די איבריגע איז געבליבן ביי אים. און דער אייבערשטער זאגט אים צו, עשר תעשר, עשר בשביל שתתעשר, דו וועסט ווערן א עושר. דער לוי האט באקומען זיין מעשר, און ער האט געדארפט מפריש זיין מעשר מן המעשר, ער האט געדארפט נעמען א צענטל פון זיין מעשר, און עס אוועקגעבן פארן כהן. דאס איז מעשר, און דאס איז תרומת מעשר. און ביי מעשר איז דא א ברכה, אז עס ברענגט עשירות. ווי אזוי האט דער לוי, וואס האט אוועקגעגעבן זיין תרומת מעשר פאר דעם כהן, זוכה געווען צו עשירות. ער האט נישט געהאט קיין פעלדער, ער האט נישט געהאט וואס עס זאל צוקומען. דער ישראל וואס האט אוועקגעגעבן מעשר, ער האט א פעלד, היינט גיט ער מעשר, וועט אים דער אייבערשטער העלפען, אז איבער א יאר וועט זיין אזוי ווי עס שטייט אין תוספות (תענית ט. ד"ה עשר), אז עס האט געוואקסן אין זיין פעלד צען מאל אזויפיל וויפיל עס איז געוואקסען פארדעם. אבער דער לוי וואס גיט מעשר פאר דעם כהן, ער האט דאך נישט קיין פעלדער, ווי אזוי ווערט ביי אים די ברכה, עשר בשביל שתתעשר.

**זאגט** דער **חתם סופר**, אז ער האט טאקע נישט געהאט עשירות אויף די וועלט, עס איז נישט דא וואו עס זאל צוקומען. ווענסטו וועלן זאגן אז יודען זענען נתעשר געווארן, זיי האבען באקומען א עשירות כדי אז ער זאל באקומען מער מעשר, און דאס וועט זיין זיין עשירות. די יודען וועלן ממילא זוכה זיין צו די עשירות, ווייל זיי האבן דאך געגעבן מעשר. וואס האט אויפגעטון די תרומות מעשר וואס די לויים האבן געגעבן. זאגט דער **חתם סופר**, וועגן דעם שטייט אייביג ביי תרומת מעשר די לשון 'תרומת ה', ווייל ער גיט עס לשם שמים, ער האט נישט קיין שום זייטיגע כוונה, אז ער קען צוריקבאקומען מער, ער האט נישט וואו ער זאל ווערן א עושר. תרומת ה', ער גיט עס לשם ה', פארן אייבערשטען.

**דער חתם סופר** גיט צו, אז אין פסוק (במדבר יח-כח) שטייט, ונתתם ממנו את תרומת ה' לאהרן הכהן, פרעגט די גמרא (סנהדרין צ:), ווען אהרן האט געלעבט אין מדבר, האט מען אינגאנצן נישט געגעבן קיין תרומות און מעשרות, און אין ארץ ישראל איז דאך אהרן נישט אריינגעקומען. וואס איז טייטש ונתתם ממנו לאהרן הכהן. זאגט די גמרא, מכאן רמז לתחיית המתים מן התורה. ביי תחיית המתים וועט אהרן אויפשטיין, און מען וועט אים געבן די מעשר, ונתתם ממנו לאהרן הכהן. היינט נישט, אבער ביי תחיית המתים וועט מען עס געבן פאר אהרן הכהן. וואו קומט עס אהער, אז דא האט מען אריינגעשטעלט תחיית המתים פאר אהרן הכהן. זאגט דער **חתם סופר**, אויף די וועלט האט דער לוי נישט זוכה געווען צו א עשירות, ווייל ער האט נישט געהאט קיין פעלדער. אבער לעתיד לבא וועט שבט לוי אויך האבן א חלק אין ארץ ישראל, און דעמאלטס ביי תחיית המתים וועט מען אים באצאלן, אז ער וועט באקומען א עשירות אין זיין פעלד. עד כאן וואס עס שטייט אינעם **חתם סופר**.

*

**מען** וואלט געקענט צו זאגן דערצו, אז למעשה האט דער לוי אויך פארדינט פון די מעשר וואס ער האט געגעבן. דער **חתם סופר** שטעלט זיך אויף נאך א חידוש וואס איז דא ביי מעשר. שבט לוי האט דאך נישט געהאט גארנישט, זיי האבן

נישט געהאט קיין פעלדער, און יודען האבן אויסגעהאלטן שבט לוי. וואלט געדארפט צו זיין דער שכל, אז יודען זאלן צוזאמנעמען אלע זייערע מעשר, און אוועקגעבן פאר א ממונה פון שבט לוי, דא האסטו די גאנצע מעשר פונעם גאנצן כלל ישראל, און דער ממונה זאל צוטיילען א חלק פאר יעדן איינעם. ער זאל געבן א טשע"ק פאר יעדן לוי, אז ער זאל האבן זיין חלק. עס איז נישט אזוי געווען, די תורה האט געזאגט, אז יעדער האט א רעכט זיך אויסצוקלויבן זיין לוי, פאר וועם ער וויל עס געבן. קומט אויס, אז עס האט געקענט זיין אז איין לוי איז געווארן א עושר, ער האט געהאט אסאך גוטע פריינט, און יעדער האט אים אוועקגעגעבן זיין מעשר. און איין לוי האט נישט געהאט קיין גוטע פריינט, ער איז געווען א אפגעזונדערטער יוד, ער האט נישט געהאט קיין שייכות מיט קיינעם, און פעלדער האט ער נישט געהאט, און מעשר האט ער אויך נישט באקומען, האט ער נישט געהאט פון וואס צו לעבן. ער איז געבליבן א עני, ער האט געקענט נעמען צדקה. פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסען אז מען זאל געבן פאר יעדען לוי עקסטער. מען וואלט געדארפט זאגן, אז מען זאל צוזאמנעמען אלעס אין איין קאסע, און פון די קאסע זאל מען צוטיילען פאר אלע אייניג.

**שבט** לוי איז געווען א הייליג פאלק, זיי זענען געווען די וואס זענען געווען עובדים בבית ה'. דער אייבערשטער האט געוואלט אז די שבט לוי זאל לעבן מיט בטחון אויפן אייבערשטען. ער זאל נישט זיין פארזיכערט מיט זיין פרנסה. וועט ער יעדן טאג דארפן דאווענען, און מתפלל זיין פארן אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל אים צוברענגען זיין פרנסה. און ווען ער וועט מתפלל זיין פאר זיך, וועט ער מתפלל זיין פארן כלל ישראל. האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט, אז דער שבט לוי האט גארנישט, און די מעשר וואס ער באקומט, דארף ער האבן חן אז איינער זאל עס אים געבן, וועט ער שטענדיג מתפלל זיין אויף זיין פרנסה. דער ישראל האט געזעהן אנפאנג יאר אז עס איז א גוט יאר, עס וואקסט די תבואות, האט ער געוואוסט אז ער איז פארזיכערט אויף דעם יאר מיט זיין פרנסה, זענען זיינע תפלות שוין נישט געווען אזוי ווי עס דארף צו זיין. שבט לוי איז קיינמאל נישט געווען פארזיכערט מיט וואס ער האט, ווייל ער איז דאך אנגעוויזען אויף יענעמס חסד, אז יענער זאל עס אים געבן, זיינע תפלות איז געווען מיט א אמת'דיגע בטחון אינעם אייבערשטען. ער האט זיך פארלאזט אז דער באשעפער וועט אים מזמין זיין זיין פרנסה.

**קומט** דאך אויס לויט דעם, אז שבט לוי אליין, איז אויך נישט געווען געזיכערט מיט זיין פרנסה. טאמער ער האט אבער געגעבן מעשר, האט אים דער אייבערשטער געבענטשט, אז ער וועט נתעשר ווערן. ווי אזוי וועט ער נתעשר ווערן, אז פאר אים זאל אנקומען די מעשר וואס יודען געבן. האט ער געגעבן תרומת מעשר, האט ער באקומען מעשר פועם גאנצן ציבור, אבער אויב ער האט מזלזל געווען אין זיין תרומת מעשר, האט ער דעם קומענדיגען יאר נישט באקומען קיין מעשר, איז ער געבליבען א עני. איז ביי אים אויך שייך געווען צו ער איז א עני אדער א עשיר, עס האט זיך אויך געוואנדען ביי אים, ווי אזוי ער האט געגעבן זיין מעשר. אויב ער האט געגעבן זיין מעשר ווי עס דארף צו זיין, האט אים דער אייבערשטער געהאלפן אז מען האט אים מזמין געווען און ער האט געהאט שפעטער.

*

**איך** האב געהערט פון מיין טאטן ז"ל, אז א שטעטל איז אמאל געקומען צום פריערדיגן **בעלזער רב**, אז די פרנסה איז זייער שוואך, און ער זאל געבן עפעס א עצה, אדער א סגולה, וואס מען זאל טון. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז מען זאל מכבד זיין דעם רב מיט סנדקאות. האט מען געקוקט, מה ענין שמיטה אצל הר סיני, אז מען וועט מכבד זיין דעם רב מיט סנדקאות, וועט זיין פרנסה. האט דער **בעלזער רב** געזאגט, אז עס שטייט אין **רמ"א** (יו"ד רסה-יא), אז סנדקאות איז א סגולה אויף עשירות. קומט אויס, אז ווען מען איז מכבד

דעם רב, אז ער זאל זיין סנדק, האט ער א סגולה פון עשירות. ווי אזוי קען דער רב ווערן א עושר, ער האט דאך נישט קיין געשעפטן. טוט דער אייבערשטער מאכן אז די גאנצע שטאט זאלן זיין עשירים, און ממילא גיט מען אים בהרחבה, קען ער ווערן א עושר. כדי עס זאל מקויים ווערן די ברכה אז דער רב זאל קענען ווערן א עושר, איז א סגולה אז מען זאל אים געבן סנדקאות, וועט ממילא די גאנצע שטאט נתעשר ווערן.

**דער** לוי אליין האט טאקע נישט געהאט קיין עשירות, אבער דורך זיינע תפלות וואס ער האט מתפלל געווען, איז צוגעקומען א ברכה פארן גאנצן כלל ישראל. און אז עס איז געווארן מער די פארמעגן פונעם כלל ישראל, איז דאך די מעשר פאר אים אויך געווארן מער, אזוי האט דער לוי אויך געקענט צוקומען צו עשירות.

**מען** רעדט צו יודען וואס פארשטייען די חשיבות פון לומדי תורה, אז מען דערלייגט נישט ווען מען גיט פאר שבט לוי. עס איז דא א הבטחה אין די תורה, עשר בשביל שתתעשר. זאל דער באשעפער געבן ברכה והצלחה פאר די אלע וואס טוען ארויסהעלפען פאר דעם שבט לוי. און דער שבט לוי אליין, דארף לעבן מיט בטחון, זיך פארלאזן אז דער אייבערשטער וועט זיי נישט פארלאזן, אזוי איז דאך געווען דעמאלטס דער ארגינעלער שבט לוי, זיי זענען אויך נישט געווען פארזיכערט מיט וואס ער דארף צו האבן. גדול המעשה יותר מן העושה (ב"ב ט.), רבי מיכל איז נישט נאר א עושה, נאר אויך א מעשה. אז די אלע 'עושה'ס זענען עשירים, דארף דאך דער 'מעשה' וואס איז גדול, אוודאי האבן א גרעסערע ברכה. עשירות איז סיי אין געלט, און סיי אין תורה, און אין נחת. זאל דער באשעפער העלפן אי"ה אז עס זאל זיין בשמחה וטוב לבב, און מיר זאלן אלע געהאלפן ווערן, יעדער איינער מיט וואס ער דארף צו האבן, און מיר זאלן אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת קרח***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואוד לסידור קידושין של החתן **שמואל יעקב** נ"ו בן הר"ר **משה דוד לייכטער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שמואל מאיר פשערהאפער** הי"ו שהתקיים באולם נעימות החיים.

*

***יום חמישי פרשת קרח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמואל צבי פריעד** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **חיים הערש מיללער** הי"ו שישב שבעה על פטירת אשתו ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. בסוף השיעור השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לימי הקיץ הבעל"ט.

***וזה תוכן הדברים:***

**הנותן** מתנה לחבירו צריך להודיעו (ביצה טז.), אז מען גיט פאר יענעם א מתנה, דארף יענער וויסען ווי חשוב די מתנה איז, כדי ער זאל וויסען ווי אזוי זיך אומצוגיין דערמיט. דער קעמפ איז א מתנה טובה פאר א בחור, מען איז אויסער די שטאט, פיר און צוואנציג שעה אין א ערליכע מסגרת, אין א הייליגע מסגרת. גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות רצונך, יעדער איינער וויל זיין וואויל, יעדער איינער וויל זיין ערליך, און עס איז א געוואלדיגע מעגליכקייט פאר א בחור צו שטייגען אין משך פון די וואכן פונעם זומער. **עס האבן מיר געזאגט יונגעלייט,**

**אז די שענסטע צייט וואס זיי האבן געהאט אין זייער לעבן, איז געווען די קעמפ. נישט ווייל מען האט געשפילט, אדער געשווימען, אדער שפאצירט אויף די גראז, נאר די רואיגקייט וואס מען האט געהאט, און מען האט געקענט איבערגיין אלעס וואס מען האט געלערנט, און מען האט געקענט אויפשטיין פארטאגס, אן קיין שטוב טירדות, האט זיי געברענגט אויף א געוואלדיגע הויכע מדריגה.**

**עס** איז א געלעגענהייט פאר א בחור צו שטייגען אין זומער, און נישט צו האבן א ירידה. מען האט זיך געפלאגט א גאנץ יאר אויף די מסכתא וואס מען האט געלערנט, צו עס איז די מסכתא פון ישיבה, צו עס איז שלחן ערוך, צו עס איז די לימוד פון די חבורה 'ובהם נהגה', יעדער איינער האט קונה געווען א ים מיט תורה אין משך פונעם יאר, און עס איז די צייט יעצט צוזאמצונעמען אלעס. ווען מען קומט ארויס אין קעמפ, דארף מען האבן פאר זיך א סדר, איך וויל איבערלערנען וואס איך האב געלערנט אין משך פונעם יאר, שאם ישאלך איש אל תגמגם. מען האט געלערנט הלכות בישול, הלכות שהיה והטמנה, יעדע שורה וואס מען האט געלערנט איז וויכטיגע הלכות. אפילו מען קען עס נישט איבערלערנען בעיון ממש, אבער על כל פנים איבערגיין, און עס גוט קענען.

*

**איך** וועל אנהייבן דעם סדר היום פון צופרי. לערנען א שעה פארן דאווענען, דאס איז א' ב', צו דעם דארף מען נישט זיין א בעל מדריגה, און אויף דעם דארף מען זיך נישט קריגען, און מען דארף נישט בעטן קיין קנס, עס איז א בזיון אז מען זאל דארפן אפילו רעדן דערפון. **אויפשטיין צופרי און לערנען פארן דאווענען דארף זיין א חוק ולא יעבור פאר א בחור.** פילן ביי זיך א אחריות, איך וויל זיך שטעלן דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען, איך דארף לערנען פאר דעם. - מען דארף גיין אין מקוה פאר דעם, און נישט גיין אין מקוה שפעטער, אזוי ווי א ערליכער יוד דאווענט.

**איך** וועל ארויסברענגען א נקודה, און איך מיין אז אויב מען וועט אריינטראכטען דעריין, וועט עס אסאך צוהעלפען. אין א יאר צוויי ארום, זענט עטץ יונגעלייט, מיטן אייבערשטענס הילף. **א בחור דארף זיך פירן, אזוי ווי א יונגערמאן נאך די חתונה.** ער איז נאר אין א מסגרת פון די ישיבה, אבער ער דארף זיך פארשטעלן יעצט, וואס פאר א יונגערמאן וויל איך זיין. צו וויל איך אויסקוקען ווי א באו"ם וואס קומט אריין דאווענען מיט פארשלאפענע אויגן, און כיפערט אפ דאס דאווענען, און נאכדעם גייט ער ארויס. עטץ זענטס דאך אלע בני תורה, מען דארף אויסשטעלן א סדר פאר זיך אליין. איך האלט שוין נאך די חתונה, איך האב שוין נישט א משגיח אויף מיר, ווען דארפסטו אויפשטיין צופרי? פינף מינוט פארן דאווענען? קומט זיך נישט אז דו זאלסט אויפשטיין צופרי און לערנען א שעה פארן דאווענען, ווי א נארמאלער בעל הבית?! א נארמאלער בעל הבית גייט נישט אין מקוה פארן דאווענען?! ער גייט נאכן דאווענען?! פאר זיך אליין, סעל"ף רעספעקט"ט ווי מען זאגט, פשוט נעמען פאר זיך, איך וויל אנהייבן מיין סדר היום אין ישיבה, אזוי ווי א יונגערמאן נאך די חתונה. נאר איך האב א אייגענע אחריות. עס איז נישט אז מען דארף בעטן, עס דארף זיין א תקנה אז מען דארף אזוי און אזוי טון, א בחור וואלט עס געדאפט פון זיך אליין פילן. א תקנה איז נאר געמאכט אויפצוקלערן דעם בחור, אבער בעצם וואלט עס דער בחור געדארפט פארלאנגן אז מען זאל מיר צושטעלן, אז איך זאל מיך קענען פירן ווי שפעטער.

**א** יונגערמאן, ווען ער האט פרייע צייט, נעמט א גמרא און זעצט זיך לערנען. אזוי דארף אויך זיין א בחור. צו עס איז יא סדר הישיבה, צו עס איז נישט סדר הישיבה. מען גיט אסאך צייט, און עס איז דא אזויפיל שעות וואס מען קען אויסנוצען צו לערנען. אז ער וויל לערנען א נייע מסכתא, נעמט ער זיך א חברותא צו לערנען א נייע מסכתא, א גרינגע מסכתא, מיטצוהאלטן די לימוד פון **'ובהם נהגה'**, אפלערנען יעדן טאג א עמוד. - פון נאך מעריב, צען אזייגער, וויפיל

שעות האט א בחור ביז צום אויפשטיין? ניין שעה. מיט צוויי שעה נאכמיטאג, איז עלף שעה. וויפיל דארף ער שלאפן? עלף שעה? וויפיל שעות איז דא איבערן טאג, וואס ער קען אויסנוצן. איך וויל פשוט ארויסברענגען די שיינקייט דערפון, וויסן אז מען קען אויסנוצן דעם זומער צו שטייגען. א אמת'דיגער ערליכער בחור שטעלט זיך אויס זיינע סדרים, ווי אזוי זאל איך קענען דעם זומער אנקומען די מערסטע וואס איך קען. מען זאגט נישט אז מען זאל וויניגער שפאצירן, אדער מען זאל וויניגער רעדן וכדומה, אדער מען זאל נישט עסן, אלעס דארפסטו טון. אבער די פרייע צייט וואס דו האסט, נישט גיין ליידיג. זעה אויסצונוצן די צייט, האבן א שיעור, איבער'חזר'ן וואס מען האט געלערנט, און קונה זיין שלימות.

**די** שבתים אין קעמפ ווייסט יעדער איינער ווי שיין עס איז. עס איז אינו דומה א שבת אין די שטאט, צו א שבת אין קעמפ. און מען דארף עס קונה זיין, מען דארף עס אויסנוצן. וויסען אז די שבתים זענען געגעבן געווארן להודות ולהלל לה', **ווען מען זיצט ביי די סעודה דארף מען זינגען זמירות, ווען מען זיצט ביי די באטע דארף מען מיטהאלטן, און זינגען זמירות.** עס איז נישט א זמן וואס מען גייט אריין און מען גייט ארויס וכדומה, דאס איז די א' ב' ווי אזוי א נארמאלער בחור דארף זיך פירן.

**די** אלע תקנות וואס איז דא אין קעמפ, איז נישט ווייל מען וויל שטיין אויפן קאפ פון א בחור, מען וויל אים שווער מאכן, מען זאל אים פייניגן. עס איז נישט א תפיסה, ווי מען גיט ארויס ארדערס וואס מען דאף צו טון. עס איז אלעס נארמאלע זאכן וואס מען וואלט געדארפט בעטן אז מען וויל עס האבן. עס זאל אראפגעשטעלט ווערן אזא סדר.

*

**איך** האב געוואלט מעורר זיין אויף א ענין פן צניעות. צניעות איז געגעבן געווארן פאר יעדן איינעם, יעדער מענטש פאר זיך אליין, דארף זיין א צנוע, באשיידן, נישט צולאזט. נישט גיין אנגעטון ווי עס פאסט נישט. **א נארמאלער מענטש גייט מיט נארמאלע שיך**, ווי מער ער איז א באו"ם, וועט ער אלץ גיין מיט קראק"ס צו מיט אנדערע שיך וכדומה, ווייל א נארמאלע מענטש גייט אנגעטון נארמאל, **א נארמאלער מענטש גייט מיט א נארמאל רעקל, און מיט א נארמאלע הוט, און דער וואס איז צולאזט, גייט אנגעטון אנדערש.** קראק"ס איז געמאכט געווארן ווען מען איז אין שטוב, עס איז שווער די שיך, מען גייט פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, אבער א בחור זאל גיין מיט קראקס אינדרויסן בפני כל עם ועדה?! אפילו ווען מען גייט שווימען, צו מען גייט אין די מקוה, דארף מען זיין אנגעטון ווי א נארמאלער מענטש. ווען מען זעהט דיך אויף די גאס, זאל נתקדש ווערן שם שמים, ער גייט אזוי ווי א ערליכער יוד גייט.

**מען** דארף שלאפן באשיידן, אין **שלחן ערוך** (או"ח סימן ב') שטייט, אז מען דארף זיין צוגעדעקט אינגאנצן, פונקט אזוי ווי ווען מען איז אויף. עס איז דא גאנצע הלכות ווי אזוי מען דארף זיך אנטון. מען דארף שלאפן נארמאל, מיט א געהעריגע פידזאמעס, מיט א געהעריגע נאכט העמד וכדומה, אנגעטון מיט ציצית. עס מוז נישט זיין א וואלענע טלית קטן, זאל עס זיין א פשוט טלית קטן, א שמירה אויף די קדושה פון דער נאכט. א בחור דארף זיך אויסשטעלן ווי אזוי ער וויל זיין נאך די חתונה. זיין א נארמאלער מענטש, דו גייסט חתונה האבן, און פירן א אייגענע שטוב, הייב דיך יעצט אן אזוי צו פירן. מען קען זיך נישט טוישן שפעטער. אויב דו וועסט זיין אזוי יעצט, וועט מען פאלן שפעטער, פון וואס דו ביסט יעצט. הלואי זאל מען קענען אנהאלטן וואס מען איז, אויף שפעטער. מען דארף זיך יעצט מסדר זיין, זיך אויסשטעלן זיין סדר היום, אזוי ווי איך וויל אויסקוקען שפעטער אלץ א יונגערמאן. און דאס טוט די ישיבה פארלאנגען, די ישיבה פייניגט נישט קיין מענטש, **די ישיבה שטעלט אויס א בחור ווי אזוי ער זאל קענען זיין א מסודר'דיגער נארמאלער איידעלער יונגערמאן שפעטער נאך די חתונה.** דאס איז וואס די

ישיבה פארלאנגט. און מען וועט זעהן, אז א יעדע זאך וואס מען פארלאנגט פון א בחור, איז עס נאר צוצושטעלן כדי ער זאל קענען אזוי לעבן שפעטער.

**איך** האף אז איך האב מיט דעם כולל געווען אלע נקודות, וואס איז נוגע, און תן לחכם ויחכם עוד, עטץ זענטס קלוגע בחורים, און יעדער איינער פארשטייט אסאך טיפער פון וואס איך האב גערעדט. דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל ארויסקומען א קידוש שם שמים, עס זאל זיין א פראכט פאר די בחורים, און פאר יעדן איינעם, ווי אזוי מען איז געשטיגען דעם זומער אין ישיבה. און איך האף אי"ה אז עס וועט ברענגען אסאך תועלת, און עס וועט נתקדש ווערן שם שמים על ידיכם.

*

אחר כך התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ישראל מאיר ווייעדער** ע"ה.

*__מתוך השיחה:__*

**רבינו** (לאביו הר"ר **מרדכי מנחם** הי"ו): איר האט מיר אמאל געזאגט, אז מען האט ענק דעפארטירט צוזאמען מיטן **שאמלויא'ער רב**.

**הר"ר מרדכי מנחם:** יא, דעם לעצטען שבועות האב איך געדאווענט צוזאמען מיט אים, אויף א בוידעם ערגעץ באהאלטן. די שאמלויא'ער געטא איז געווען אנדערש ווי אושוויץ, עס איז געווען די ערגסטע געטא, מען האט אלעס צוגענומען, מען האט נישט געהאט קיין תפלין און קיין טלית, מען האט עס געדארפט באהאלטן. איינמאל האט מען געטראפן א יוד דאווענען מיטן טלית, האט מען אים אויפגעהאנגען אויף א בוים, מיט די הענט פון אונטען, צוזאמען מיטן טלית. עס איז געווען מורא'דיג דארט.

דער טאטע האט געקענט דעם **שאמלויא'ער רב**, אלץ קרוב, ער איז געווען א איידעם ביי יצחק מאיר שווארץ פון דראגמירעשט (נכד **הקול אריה זצ"ל**).

**רבינו:** וואו האט עטץ געוואוינט?

**הר"ר מרדכי מנחם:** נישט ווייט, אין א דארף שאמשאן. אין יענע געגענט.

מיר האבן געמאכט דארט א געהיימע מנין אויף א בוידעם, עס איז געווען ממש א מנין, איך בין געווען דארט, מיט מיין ברודער ע"ה, מיר זענען געווען דעמאלטס בר מצוה יונגלעך, און מיין טאטע ע"ה, און נאך אפאר שאמלויא'ער יודען, וואס האבען דארט געדאווענט שבועות מיט מנין. א טאג נאך שבועות האט מען אונז אוועקגעפירט.

עס איז געווען דארט מורא'דיג אינעם שאמלויא'ער געטא, מען האט געפייניגט די יודען דארט. עס איז געווען דארט אפאר רייכע יודען פון שאמלויא, מען האט געוואוסט פון זיי, און מען האט באהאלטן געלט, און זיי האבן זיך נאכגעפרעגט, און זיי האבן אויסגעפונען ווער די רייכע יודען זענען דארט, און מען האט זיי געגנומען אז זיי זאלן אויסזאגן וואו דאס געלט ליגט. און מען האט נישט געוואלט באלד זאגן, האט מען זיי געשלאגן מכות רצח, ממש גע'הרג'ט, צובלוטיגט, ביז מען האט ארויסגעגעבן, עס איז נישט געווען א ברירה. מען האט געזאגט וואו עס איז באהאלטן, און זיי האבן אויפגעזוכט. דארט איז נישט געווען קיין דייטשן, עס איז געווען אפשר צוויי דריי עס. נאר די אונגארישע, זיי זענען געווען געפערליך.

**רבינו:** שמחנו כימות עניתנו.

**הר"ר מרדכי מנחם:** דארט אינעם געטא איז געווען א ציגל פאבריק, און עס איז געווען אפאר גרויסע בנינים, און די ערשטע וואס זענען אנגעקומען אהין, האבן נאך געהאט א דאך איבערן קאפ, אבער די וואס זענען געקומען שפעטער, וואס מען האט זיי צוזאמגענומען פון די גליל ארום און ארום, זענען שוין די הייזער געווען פארנומען. ווען מיר זענען אנגעקומען אהין, האט מען פאר אונז געמאכט א געצעלט אינדרויסן אויפן פעלד, און דארט האט מען געהאט א קישן און א דאכענע. דארט האבן מיר געוואוינט זעקס וואכן, פון נאך פסח ביז שבועות. ווען מיר זענען אריינגעקומען האט

מען אונז צוגענומען די טלית און תפלין, איין פאר תפלין האט מען אדורכגעשווערצט. אונז פלעג מיר אנטון די תפלין אונטער די דאכענע, און זאגן קריאת שמע.

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** האט געהאט א דיקער בוך, וואו ער האט אויפגעשריבן זיינע דרשות, וואס פון דעם האט מען געדרוקט די **דרשות לחם שלמה**. און דעם לעצטן בלעטל האט ער געענדיגט זיין לעצטע דרשה. עס איז פונקט אזוי אויסגעקומען, אז די בוך איז געענדיגט געווארן מיט זיין לעצטע דרשה. די לעצטע דרשה האט געדארפט זיין שבת הגדול (שנת תש"ד) פארדעם, און ער האט שוין אויפגעשריבן אויף די דרשה 'לא נאמר', אז די דרשה האט ער שוין נישט געקענט זאגן. זעהט אויס אז א דרשה איז שוין נישט געווען שבת הגדול.

**הר"ר מרדכי מנחם:** ער איז געווען א זקן, איך געדענק אים אביסל.

**רבינו:** ער איז געווען צוויי און אכציג יאר. דעמאלטס האט עס געהייסען א זקן מופלג. דער **קראסנא רב** (**הגה"צ רבי ברוך בענדיט ליכטענשטיין זצ"ל**) איז געווען עלטער מיט פיר יאר. מען האט אים אויך צוזאמען דעפארטירט אינעם שאמלויא'ער געטא. קראסנא מיט שאמלויא זענען געווען צוזאמען.

**הר"ר מרדכי מנחם:** יא, די גאנצע געגענט, זינבערגען, האט מען אהין דעפארטירט.

**רבינו:** נקום לעינינו נקמת דם עבדיך.

אבער איר האט נישט געטראכט, אז מען וועט קומען קיין אמעריקא, און איר וועט האבן קינדער מיט אייניקלעך, און אור אייניקלעך.

**הר"ר מרדכי מנחם:** יא, איך זאג אייביג, אז דאס האב איך צו פארדאנקען פארן **קלויזענבורגער רבי**. איך בין געווען פופצן יאר אלט, ווען איך בין געווארן באפרייט, צוזאמען מיט מיין ברודער. קוים וואס מען האט געאטעמט און געלעבט, און מען האט אונז געברענגט צו עסן, מען איז געווען אויסגעדארט אזוי ווי א שטעקן. און מען האט אביסל געגעסן, און מען איז אביסל געקומען צו זיך. און נאך א צוויי וואכן האבן מיר זיך ערשט אויפגעוועקט, מען האט נישט געוואוסט וואס עס טוט זיך, און וואס עס גייט פאר. און מיר האבן געטראכט וואס גייען מיר טון. האבן מיר געטראכט אז מיר גייען אהיימפארן, אפשר איז דער טאטע אדער די מאמע אהיימגעקומען. און מיר האבן זיך ארויפגעזעצט אויף א באן, און מיר זענען געפארן, מען האט נישט געדארפט באצאלן, עס איז געווען אלעס הפקר, צושאסן און צובראכן אינגאנצן. און מיר זענען אנגעקומען קיין מינכען, און דארט זענען מיר ארויסגעגאנגען. און מען האט געטראפן דארט נאך יודען וואס האבן זיך געדרייט, יעדער האט געפרעגט האסטו אפשר געזעהן דעם אדער יענעם. ווי אזוי הייסטו, ווער ביסטו, און אזוי ווייטער. ביז א יוד איז צוגעקומען צו אונז, און ער האט אונז געפרעגט ווי אזוי הייסט עטץ, ווער זענט עטץ, האבען מיר געזאגט מיר הייסען ווייעדער, א דראגמירעש אייניקל. האט ער געזאגט, איך קען ענק. האט ער געפרעגט וואס מאכט עטץ דא, האבן מיר געזאגט, מיר ווילן אהיימפארן. זאגט ער אונז, דא איז דא א גרויסער לאגער, און פון דארט פארן טראנספארטען קיין פוילן און ראמעניע און אונגארן, און דארט וועט עטץ קענען פארן. זענען מיר אנגעקומען אהין, און דארט האבן מיר געטראפן יונגלעך אין אונזער עלטער, און מיר האבן גערעדט, זאגן זיי אז דא איז דא א רבי, און ער זאגט אז מען זאל נישט אהיימפארן, נאר מען זאל דא ווארטען. טאמער עס איז געבליבן עמיצער לעבן, וועט ער אויך אהערקומען. זענען מיר דארט געבליבן.

**רבינו:** ווילאג זענט עטץ געבליבען דארט.

**הר"ר מרדכי מנחם:** ביז נאך די ימים טובים, און נאכדעם זענען מיר געפארן קיין פערענוואלד, און דארט זענען מיר געווען צוויי און האלב יאר. עס איז געווען דארט א שיינע גרויסע ישיבה פון צוויי הונדערט בחורים, און פון דארט זענען מיר געקומען קיין אמעריקא.

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם חיים גאלדשטיין** ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה מאיר קאליש** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל המסיבה לאור הצלחת המבחן הפומבי של תלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים באולם בית אסתר.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***ערב שבת קודש פרשת קרח***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **חנני' קיזעלניק** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש לאיעוו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי, לשבות את שבתו בקרב קהל אנ"ש בעיר.

*

***שבת קודש פרשת קרח***

תפלת מנחה וקבלת שבת התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו התאחדות אברכים. **רבינו שליט"א** עבר לפני התיבה לתפלת מנחה. – אחר תפלת מנחה קיבל **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ הביהמ"ד, את פני **רבינו שליט"א**, והמשיך בשיעורו השבועי בהלכות שנלמדו בשבוע העבר במסגרת 'ובהם נהגה'.

סעודת ליל שבת קודש והבאטע ערך **רבינו שליט"א** בבית ידידינו **הרב שמואל באדאנסקי שליט"א**, בהשתתפות קהל רב מאנשי שלומינו תלמידים וחסידים. בין הזמירות והניגונים השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרב שמואל באדאנסקי שליט"א**.

תפלת שחרית התפלל **רבינו שליט"א** בבית מדרשנו התאחדות אברכים. ותפלת מנחה ודרשת פרקי אבות וסעודה שלישית התקיים בבית מדרשנו ברחוב 306.

בדרשת פרקי אבות התחיל **רבינו שליט"א** במאמר התנא (אבות ד-כא) הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם, אשר זהו מענין הפרשה, שקנאתו של קרח ורדיפתו אחר הכבוד הוציא אותו מן העולם לחלוק על משה ועל ה'.

בדבריו ביאר **רבינו שליט"א** חכמת נשים, שהצילה את און בן פלת ממחלוקת קרח, שאמרה לו, שהן כל מנהיג שיהיה על העדה, לא יהיה כל כולו לפי רצונך, על הגעשמאק שלך, כי אין דיעותיהן של בני אדם שוות, ובכל אופן אתה תשאר להיות התלמיד תחתיו. ואם כן מה איכפת לך במחלוקת זו מי יהא המנהיג. וכי אתה חושב שכאשר קרח יהא המנהיג במקומו של משה, לא תהיה עליך כנגדו שום תלונה, והוא כבר יעשה כל מעשיו לפי רוחך. אם לדעתך יש חולשה במשה רבינו בדבר אחד, תהא לקרח חולשה בדברים אחרים. אם על משה שהעיד עליו הכתוב והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג), צועקים כנגדו מדוע תתנשאו על קהל ה', כי תשתרר עלינו גם השתרר. מה תרויח בחילופו עם קרח, שבגודל עושרו הוא רודף אחר כבוד, ומתקנא בנשיאותו של אליצפן. וכי כאשר הוא ישב על כסא השררה, יהא יותר טוב. כעת הוא מדבר דברים הערבים לכם לשמוע, כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה', אבל כאשר יהא קרח הרב, אז תמצאו גם בו חסרונות רבות שאינו מתאים לדעתכם, ומה איכפת לך אי מר רבה אי מר רבה, אתה תהיה לעולם התלמיד, ותצטרך להכנע למהותו של המנהיג.

וענין זה רואים בחוש, כי אלו שאין רוצים להכנע תחת אחרים, גם כאשר היה בקהלתם רבנים שונים, וכל אחד במהות שונה, היו מתרעמים, על האחד שהוא עניו גדול מאד, ועל השני שהוא תקיף מאד, ועל השלישי שהוא חסידי מאוד וכו'.

**רבינו שליט"א** המשיך בנועם אמריו בדברי הדרכה: אנו רואים מעשים בכל יום בכל קהלה ובכל חסידות, שכאשר מתהוה לאדם איזה סכסוך, עם הרבי או הרב או הדיין, או בהנהלת המוסדות בדבר הנוגע בבית הספר לבני ביתו, ישנם כאלה שאינם מוכנים לעשות שלום עם המצב, לפעמים הוא יוצא להבעיר את המחלוקת, ומחרחר ריב בין חביריו. וגודל החטא והעונש של מחלוקת ידוע לכל, וכמבואר בפרשתנו שגם יונקי שדים נאספו

(רש"י טז-כז). ולפעמים הוא מחליט שעוזב את המקום ההוא, ופורש עצמו מן הציבור שהיה מאוחד עמהם בחברותא ימים ושנים רבות, והולך להתפלל בבית המדרש אחר, ומוציא את בני ביתו מן המוסדות. אבל באמת הוא עושה בזה רעה עצומה, הן לעצמו והן לבני ביתו. הוא עצמו נעשה מופרש מחברים וידידים שהיה לו קשר עמהם ימים רבים, ומצטרך לחפש לעצמו ידידים חדשים. הוא עוזב מקום תפלתו ושיעוריו להתרגל במקום אחר. וזה קשה מאד בתכונת נפש האדם, ולאחר זמן הוא מוצא עצמו בודד, ונעשה מר נפש, ומסתובב כמו הושענא חבוטה.

ולא עוד אלא שזה משפיע גם על בני ביתו, שגם הם סובלים מזה כמותו, ולפעמים עוד יותר. וכמה פעמים זה פוגע אחר כך גם ביהדותם. כי הבן לומד ומושפע ממעשה אבותיו, ואם רואה באביו זלזול לחכמי ישראל, וכאשר אין נוח להאב דרכי הנהגת רבותיו הוא יכול לעוזבו, גם הוא מתלמד להתנהג כן, וכאשר יהא לו איזה סכסוך עם אביו ורבותיו, שלא נראה בעיניו הנהגתם לפי רוחו, הוא גם כן יעזבם, וילך לרעות בשדות אחרים שאינו לפי רוח אבותיו. ורק בנים הרואים הכנעה של אבותיהם לחכמי ישראל, ואיך הם מוקירים תלמידי חכמים, הוו ליה בנין רבנן.

אחר כך עבר **רבינו שליט"א** לדבר בגנות המחלוקת המצויה אצל החרדים לדבר ה' שהיצר מלביש כל הדברים באיצטלא של לשם שמים, ומצבע על ידי זה החטא למצוה. ובכל דבר שיש איזה נקודות קטנות של לשם שמים, הוא מחפה בזה על חבילות של מדות מגונות הבאים מפחיתותו של האדם. וכל סוגי המחלוקת יש בהם נקודות קטנות של לשם שמים, אבל עיקרן ושורשן היא מסיבת דברים אחרים, הרחוקים להיות לשם שמים. כי רק על ידי זה יוכל להבעיר אש המחלוקת גם אצל אחרים, שיעמדו גם הם לימינו. ורדיפת הכבוד של לומדי תורה יתכן שמעורב בה גם הנאה עצמית חוץ מכבודה של תורה. ותאוות הממון מלובש תמיד שעל ידי זה יוכל ליתן צדקה הרבה.

אנו רואים בני אדם שיוצאין לריב ומחלוקת עבור שינוי מנהג, הגם שהוא להתעלות בעניני יהדות ועבודת ה', והוא בהסכמת גדולי ישראל, ואומרים שכוונתם לשמים. בו בזמן שרואים שהם שינו כל מנהגי ביתם ממה שראו אצל אבותיהם. הנשים הולכין בשייטלן ארוכות ומפוזרות, ובבגדים מחוסרי צניעות, שאמותיהם היו מבכים בראותם זאת. והם הולכים שלובי יד עם הסמארטפאון'ס. ומשנים מנהג אבותיהם בידיהם לגריעותא, ולא איכפת להו כלל השינוי, ורק לאחרים הם מחרחרי ריב. - ועל זה הזהירה תורה ולא יהיה כקרח וכעדתו, לומר שהוא יוצא לריב כדת של תורה, כי בקל יוכל לטעות שכונתו לשם שמים, וזה יעבירנו על דעתו ודעת קונו.

בסעודה שלישית השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' במאנסי.

אחר מעריב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **נתן מרדכי לעווי** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

אחר הבדלה בבית **הרב שמואל באדאנסקי שליט"א** עבר **רבינו שליט"א** לביקור אצל הר"ר **שלמה הירש** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת מלוה מלכה שהתקיימה בבית הרב **יודא באדאנסקי** שליט"א, לכבוד הנדיבים החשובים שיחי', שבנדבת לבם נדבו סכומים הגונים לטובת בניית בית מדרשנו החדש 'תפארת יהושע' במאנסי. במשך המלוה מלכה נשמעו דברים מאת בעל האכסניא הרב רבי יהודא שליט"א, ומאת **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**. בסיום נשמעו דברי ברכה מאת **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברים:***

**פותחין** בכבוד האכסניא, רבי יודל זאל זיין געזונט, וואס איז דער ראש וראשון צו יעדע זאך וואס האט צוטון מיט אונזער קהלה דא אין מאנסי, און יעצט האט ער צובאקומען אזא שיינע חברותא פון יונגעלייט וואס שטייען צו הילף צו בויען דעם בית המדרש, עס איז א

געוואלדיגע זכות צו האבן א חלק דערין. מען בויט א פלאץ וואס איז נישט אויף א טאג, אדער א וואך, אדער א חודש, בדרך הטבע ביז משיח וועט קומען וועט עס זיין א מקום וואו יודען וועלן דאווענען, און די אלע זכותים איז פאר די וואס האבן צוגעהאלפן דערצו. ביי יעדע זאך האבן די נחשונים א עקסטרע חשיבות. א זאך וואס מען זעהט שוין, עס איז שוין האלב פערטיג, טרעפט מען אלץ וואס העלפן צו, אבער ווען מען זעהט נאך גארנישט און מען דארף אנהייבן צו טון, איז די וואס שפרינגען אריין, און זיי טוען העלפען דערצו, האבען א געוואלדיגע זכות. מען געפונט ביי תפלה (ברכות מז:), אז די עשרה הראשונים זענען נוטל שכר כנגד כולם.

**זאל** דער אייבערשטער העלפען, אז עטץ זאלסט געבענטשט ווערן מיט ברכה והצלחה יעדער איינער אין וואס ער טוט, און זעהן אסאך נחת ביי די קינדער, און מיר זאלן אלע אינאיינעם אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

# פרשת חקת - פנחס ד' - כ"ד תמוז תשע"ח לפ"ק

***יום ראשון פרשת חקת***

אחר תפלת שחרית התקיים אצל **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל משה בינער** הי"ו.

בשעות הצהרים ביקר **רבינו שליט"א** בהתלמוד תורה במאנסי, וקבע מזוזה בחדרים החדשים שנבנו בבנין התלמוד תורה. אחר כך נערך קבלת פנים על ידי ילדי התלמוד תורה לכבודו של **רבינו שליט"א**. המנהל הרה"ג רבי **יעקב יחזקי' אבערלענדער** שליט"א פתח את המעמד. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. אחר הדברות קודש עברו ילדי התלמוד תורה לפני **רבינו שליט"א** לקבל ברכת הקודש, **ורבינו שליט"א** חילק ספר תהלים לילדי כתה א' (אחר שלא השתתף בחומש סעודה, עקב ישיבת שבעה על פטירת אחיו זצ"ל).

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** מפרשים שטעלן זיך, פארוואס די פרשה הייבט זיך אן, זאת חקת התורה (במדבר יט-ב), דאס איז די חק פון די תורה. מען רעדט פון איין מצוה, די מצוה פון פרה אדומה, וואלט געדארפט צו שטיין זאת חקת הפרה. אזוי ווי מען געפונט אין פסוק ווען מען רעדט פונעם קרבן פסח, זאגט מען זאת חקת הפסח, דאס איז די חק פון פסח, און אז מען רעדט פון פרה אדומה, איז דאס די חק פון פרה אדומה, צו עס איז די חק פון טהרה, ווייל פרה אדומה האט מטהר געווען. פארוואס זאגט ער, זאת חקת התורה, דאס איז כלליות פון די גאנצע תורה.

**די** מפרשים זענען מסביר און זיי זאגן, נישט יעדער איינער איז מצליח אין תורה. מען זעהט אז מען פלאגט זיך, און איינער איז מער מצליח, און איינער איז וויניגער מצליח. וואס זענען די סגולות אז א יוד זאל זוכה זיין צו שטייגען אין תורה. - מען ווייסט אז קליינע קינדער, בשעת מען ברענגט זיי אין חדר די ערשטע מאל, דעקט מען זיי צו מיט א טלית, אז זיי זאלן נישט זעהן קיין שום טמא'נע זאך פון אינדרויסן, און מען הייבט אן צו לערנען מיט זיי פרשת ויקרא. יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים, עס זאלן קומען קינדער וואס זענען ריין, און זיי זאלן לערנען א פרשה פון קרבנות, וואס מען רעדט פון טהורים.

**די** תורה האלט זיך נאר ביי איינעם וואס פירט זיך בטהרה. איינער וואס פירט זיך בקדושה, ער פירט זיך בטהרה, דארט קלעבט זיך אן תורה. ווייל תורה איז א קדושה, און הייליגקייט גייט נאר צו הייליגקייט. ווען א יוד פירט זיך ערליך, ער פירט זיך בקדושה, דעמאלטס קען ער זוכה זיין צו תורה. ווען א קינד הייבט אן די ערשטע מאל צו לערנען, טוט מען אים ארום וויקלען, אז דו ווילסט זוכה זיין צו תורה, מאך דיר צו די אויגן, קוק נישט וואס עס טוט זיך אויף די גאס, עס זאל דיך נישט אינטערעסירן וואס עס טוט זיך אינדרויסן. די גאס ברענגט נישט קיין קדושה, די גאס ברענגט די פארקערטע. מען דארף זיין איינגעוויקלט, און זיצען באהלה של תורה. יעדע מינוט וואס מען קען זיצען אין חדר, אדער אין שטוב, און זיך נישט דרייען אויף די גאס, דארף עס זיין א גרויסע געווינס פאר א מענטש, און דעמאלטס איז מען זוכה צו תורה.

**דער חיד"א** ברענגט צו, אז דער **אר"י הק'** האט געהאט א תלמיד **רבי חיים וויטאל**. **רבי חיים וויטאל** האט זייער ווייניג געלערנט ביים **אר"י הק'**, איך מיין אז וויניגער פון צוויי יאר. און אלעס וואס מען ווייסט פונעם **אר"י הק'**, איז אלעס נאר פון **רבי חיים וויטאל**. און דער **חיד"א** שרייבט, ווי אזוי איז מעגליך, אז אין אזא קורצע צייט זאל ער קענען פון אים אויפנעמען אזוי סאך. זאג ער, אז עס איז ביי אים נישט קיין ספק, אז דער **אר"י הק'** האט געהאט פונעם אפר פון די פרה אדומה, און ער האט מזה געווען אויף **רבי חיים וויטאל**, און ער האט אים מטהר געווען פון אלע טומאות. און אז מען איז ריין פון טומאה, קען מען זוכה זיין, און משיג זיין תורה.

**די** פרשה פון פרה אדומה, וואס דאס איז די טהרה פון די שווערסטע טומאות, טומאת מת, אבי אבות הטומאה. אז מען זאל זיך קענען רייניגען, האט דער אייבערשטער געגעבן א

טהרה דערויף, די פרה אדומה, דאס איז זאת חקת התורה. עס איז נישט נאר א מצוה פון פרה אדומה, עס איז נישט נאר א מצוה וואס מען האט מטהר געווען דעם טמא, נאר זאת חקת התורה, ווען דו ביסט מקיים דעם חוקה, דו וועסט זיך פירן ריינערהייט, וועסטו האבן תורה. דאס איז די חק פון תורה. - עס איז זומער, עס איז שווערע זמנים פאר יעדן איינעם, די גאסן זענען נישט ריין, די גאסן זענען נישט ערליך. מען דארף וויסן, אז כדי זוכה זיין צו תורה דארף מען עפעס אפפערן דערפאר, מען דארף אוועקגעבן פון זיך. יעדע זאך וואס איז היפוך פון קדושה, דארף ער נישט האבן א שייכות דערצו. אדרבה, זיך פרייען אז מען קען זיצען אין שטוב און עוסק זיין בתורה, דעמאלטס איז מען מצליח.

**עס** זיצען דא בעלי בתים וואס האבען צוגעהאלפען פאר די תלמוד תורה, צוגעשטעלט שטובער וואו מען זאל קענען לערנען פריוואט מיט קינדער, ווי ווייט וויכטיג דאס איז. א קינד וואס מען טוט אים פון קליינערהייט אן לייגען אויפן ריכטיגען וועג, האט עס א געוואלדיגע השפעה אוף שפעטער אויך. עס איז א זכות וואס מען האט מיט טהורים, הבל פיהם שאין בהם חטא, די תורה פון די קינדער איז א הייליגע ריינע תורה, איז אודאי גרויס דער זכות פון די וואס נעמען א חלק דערין. זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן געבענטשט ווערן מיט אלעם וואס זיי דארפן האבן. און די קינדער זאלן וואקסען בתורה ויראת שמים, מיט ערליכקייט קדושה וטהרה, די עלטערן זאלן קענען זעהן אסאך שמחות און נחת. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך ביקור **רבינו שליט"א** אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי שליט"א.**

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** איך האב אמאל געזאגט א דרשה, האט מען מיר נאכגעזאגט אז דער רב האט שוין געזאגט עפעס בדומה לזה. עס שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ב מא.), אז מצה איז מרמז אויף די אמונה, מיכלא דמהימנותא. האב איך געזאגט, אז די דריי מצות זענען אקעגן היה הוה ויהיה. 'היה' מוז זיין, און 'יהיה' מוז ווייטער זיין, אבער אויף 'הוה' שטייט, אז אמאל זאל מען יא האבן און אמאל נישט. ווען עס קומט צו געבן צדקה, דארף מען נישט האבן אמונה אז עס איז יענעם באשערט ארימקייט (הובא **באמרי יוסף** (פ' תולדות) בשם **הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע**). פאר מען הייבט אן די הגדה, צוברעכט מען די מיטל'סטע מצה, צו ווייזען אז יעצט ווען מען זאגט כל דכפין ייתי ויאכל, דארף מען צוברעכן די אמונה, דארט זאלסטו נישט האבן קיין אמונה אז אלעס איז אים אזוי באשערט. נאכדעם וואס מען ענדיגט די סעודה, דעמאלטס נעמט מען צוריק ארויס די מצה. - דאס אז די דריי מצות זענען אקעגן היה הוה ויהיה, דאס האט שוין דער רב געזאגט.

**רבינו:** יא, אבער די צווייטע העלפט האב איך נישט געזאגט[א].

---

[א] **בשמן ראש** (לפסח ח"א דף ריא) ביאר **רבינו שליט"א** מה שנוהגין בפסח ליקח להסדר ג' מצות, ועל המצה האמצעית עושין יחץ, ומצניעין אותו עד אחר הסעודה. דהנה מצה נקראת **בזוהר הק'** (ח"ב מא.) בשם מיכלא דמהימנותא, וכמו שאמר הכתוב (שמות יב-לט) ויאפו את הבצק אשר הוציאו ממצרים עוגות חמץ וגו' וגם צדה לא עשו להם, וכתב רש"י מגיד שבחן של ישראל שלא אמרו היאך נצא למדבר בלא צדה אלא האמינו והלכו, הוא שמפורש בקבלה (ירמיה ב-ב) זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה (מכילתא) ע"ש. אם כן המצה מורה על גודל האמונה שיש לבני ישראל בהקב"ה.

והענין הוא כי עיקרי האמונה הוא על ג' זמנים, שהוא היה הוה ויהיה, ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך, והוא כולל גם שהקב"ה משגיח בהשגחה פרטית על העבר והעתיד וההוה. אך עיקר הנסיון באמונה הוא על ההוה, כי זה קל להאמין שהצרות והעינויים שעברו כבר על האדם היתה הכל לטובה, וכמו שפירש **בחתם סופר** וראית את אחורי ופני לא יראו (שמות לג-כג), שאחר כך רואין שהכל הוא לטובה, אבל מלפנים אין רואים. וגם להאמין שעוד יבא יום שיפקוד ה' אותנו לטובה, וכמו שהאמינו ישראל למשה שיגאלם ה' ממצרים, זה גם כן

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** יא, מען האט מיר געזאגט.

איך האב געזעהן, אז מען ברענגט אין איינע פון די ספרים, אז **רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע** האט אמאל געזאגט, צו עמיצען וואס האט אים געפרעגט א שאלה, און ער האט געענטפערט א עצה, און נאכדעם האט יענער געזאגט א אנדערע עצה, האט ער געזאגט, אז דאס איז מושכל ראשון פון א צדיק, און דאס איז א בעל בתיש'ער עצה (עיין **בשמן ראש** על חג השבועות ח"ב דף קפד, ובחלק ראשון השלם ויקרא דף רמח).

**רבינו:** איך האב עס געהערט פונעם **קאטומנ'ער רב**, עס איז היינט די יארצייט זיינער (ד' תמוז).

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** איך האב נאכגעזאגט די וואך, אז דער **לובלינער** האט געזאגט, מיין הייליגער זיידע קרח...

**רבינו:** אזוי זאגט די וועלט.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** איך האב עס געזעהן פונעם **ראחמיסטריווקא רבי**, אז ער זאגט אז די וועלט זאגט, מיינט עס עפעס. אבער סתם אזוי אז דער וועלט זאגט, ווייס איך נישט צו מען וואלט עס געקענט נאכזאגן. אבער אז ער זאגט עס...

**רבינו:** צדי"ק כתמ'ר יפר'ח איז די סופי תיבות קרח.

---

יכול להיות בשלימות, כי כן דרך האדם לקוות תמיד לטובה, אבל להאמין באמת בעת שהצרה לפניו ואינו רואה מנוס לעצמו, שידע בלבו כי זהו טובתו האמיתי שהמציא לו הבורא ית"ש אשר מאתו לא תצא הרעות, לזה צריכין עבודה רבה להגיע למדריגה זו.

ולכן המצה הראשונה שהוא נגד היה, וכן המצה התחתונה שהוא נגד יהיה, מניחין אותן שלימות, לרמז כי החלקים אלו של האמונה שלמים הם אתנו, אבל המצה האמצעית שהוא כנגד הוה, זה אנו שוברים לחצאים. ומניחין לפנינו רק חציו, להורות כי חלק זו של האמונה עדיין אינו שלם אצלינו, ורק מקצת ממנו יש לפנינו, ולכן טומנין את חציו הגדולה לצדדין. רק אחר שהארכנו לספר ביציאת מצרים הנסים והנפלאות שעשה אתנו, ואנו מתבוננים בגודל חסדי ה', אנו מגיעים לשלימות מדריגת האמונה, להאמין גם על ההוה שהכל הוא לטובה, ואז לוקחין לפנינו גם חלק המצה מיכלא דמהימנותא שהיה מונח וטמון עד עתה, כי כעת גם מצה זו הוא בשלימות כבר (ועיין עוד **בשמן ראש** לסוכות ח"ב דף מב).

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** אזוי שטייט פונעם **אר"י הק'** (**ספר הגלגולים** פרק מ"ט).

**רבינו:** איך בין געווען דא דעם שבת, און איך האב גערעדט ביי פרק ..

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** מען איז געווען דא אויף שבת?

**רבינו:** יא, איך דארף אויך אמאל גיין אין גלות, קום איך אהער.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** יא, אבער אז מען דארף רעדן, איז אינדערהיים אויך דער גלות...

**רבינו:** האב איך געזאגט, אז מען זעהט אז משה רבינו האט געבעטן פונעם אייבערשטען פאר זיין הסתלקות, יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה (במדבר כז-טז), ער האט געזאגט פארן אייבערשטען, כשם שאין פרצופותיהן שוות כך אין דיעותיהם שוות, עס איז נישט מעגליך אז מען זאל קענען אויסקומען מיט יעדן איינעם, מנה עליהם מנהיג שיהא סובל את כל אחד ואחד לפי דעתו (תנחומא במדבר י). ער האט נישט געבעטן אז דער אייבערשטער זאל געבן א מנהיג וואס יעדער זאל זיין צופרידן פון אים, ווייל עס איז נישט שייך. ער האט נאר אזויפיל געבעטן, אז דער אייבערשטער זאל געבן א מנהיג, וואס זאל זיין א בעל מדות טובות, ער זאל קענען סובל זיין אלע מענטשן, אפילו מען איז נישט אויף איין דעה.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** די גמרא (כתובות קה:) זאגט, האי צורבא מרבנן דמרחמין ליה בני מתא וגו' דלא מוכח להו במילי דשמיא, זעהט מען אז עס איז נישט שייך.

**רבינו:** עס שטייט אין די מגילה (אסתר י-ג) אז מרדכי איז געווען גדול ליהודים, ורצוי לרוב אחיו, ולא לכל אחיו (מגילה טז:), עס שטייט אין מדרש (לקח טוב) אז עס נישט דא א מציאות אז א מענטש זאל קענען זיין רצוי לכל אחיו. עס איז נישט מעגליך, יעדער האט א אנדערן מיינונג. רצוי לרוב אחיו, דאס איז אויך א גרויסע טיטל. אז מיט רוב מענטשען קען ער זיך אדורכקומען.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** אין יעדע זאך וואס מען וויל טון, איז דא צוויי דעות.

**רבינו:** עס איז דא ששים רבוא דיעות (ברכות נח.). ווען א מענטש האט חתונה, מיט איין מענטש צו

וואוינען צוזאמען, וויפיל דארף מען ארבעטן אויף זיך, ביז מען קומט אויף איין דעה. און ווי קען זיין אז מיט ששים רבוא דיעות זאל מען זיך קענען אויסקומען.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** איך רעדט שוין נישט פון ששים רבוא, נאר פון אפאר היימישע מענטשען. אזוי איז עס.

קען זיין דער רב וועט עפעס וויסן דערוועגן. דער **אמרי נועם** (פ' שמות) זאגט, אז טאמער איינער האט נישט קיין אמונה אינעם אייבערשטען, נאר אמונה אין צדיקים, הייסט ער אויך נישט קיין רשע. ער טייטשט דערמיט, 'הלואי אותי עזבו', מיך זאלן זיי פארלאזן, 'ואת תורתי', און דאס וואס מען לערנט ארויס פון 'את', לרבות תלמידי חכמים (פסחים כב.), 'שמרו'. שהמאור שבה, טאמער עס איז דא אמונת צדיקים, מחזירן למוטב. – עס איז א מורא'דיגער ווארט, אז אפילו ער האט נישט קיין אמונת ה', אבער ער האט אמונת צדיקים...

**רבינו:** דאס וועט אים צוברענגען צו אמונת ה'.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** דער טאטע זאגט, אז ער האט געזעהן אינדערהיים, ביים זיידן דער **אהבת ישראל זי"ע**, אז עס זענען געקומען שבת, יודען מיט א פעדער אין די טאש, און געוויינט ביי נשמת. מען קען עס נישט פארשטיין, אבער אזוי איז געווען. זיי האבן עס געמיינט אזוי ערנסט. עס איז א מורא'דיגע **אמרי נועם**, איך האב עס נישט געזעהן נאך ערגעץ, איך האב שוין פראבירט צו טרעפן אזא געדאנק. דער **אמרי נועם** איז מיר אויך געגנוג... די וואך איז די יארצייט פונעם **אמרי נועם** (ח' תמוז).

**רבינו:** און די אלע האבן געהאט שפעטער ווארלע אייניקלעך.

**וכיבד את רבינו לברך על היין**

**רבינו:** לחיים, א ברכה...

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** איך ווארט אויף א ברכה, איך דארף א ברכה.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען טוהן להגדיל תורה ולהאדירה, מיט הרחבת הדעת, און עס זאל גרינג אנקומען, שיהא סובל את כל אחד ואחד לפי דעתו.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** זכות אבות זאל העלפן אי"ה.

**רבינו:** **עס** זאל מגין זיין אי"ה, מען זאל קענען ווייטער פירן בשמחה ובטוב לבב.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** אמן.

**רבינו:** יעצט דארף איך צוריק א ברכה.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** דער באשעפער זאל העלפן, מען זאל האבן הצלחה און סייעתא דשמיא אין די עבודת הקודש, און אין אלע ענינים, ברוחניות ובגשמיות.

*

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** איינער האט מיר געפרעגט, אז ער האט געהייסען פאר א גוי צו טרימע'ן א בוים, און דער גוי איז געגאנגען און ער האט אפגעשניטען די פירות בוים. ער איז א מעקלער פאר דעם לא"ט, און ער ווייסט נישט וואס צו טון.

**רבינו:** דער יוד האט גארנישט געטון.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** נאר דער גוי האט עס געטון בטעות.

**רבינו:** וואס איז ער שולדיג, אז דער גוי האט געטון א עבירה אויף זיין חשבון.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** עס איז נישט דאס. איך זעה ווען עס געשעהט מעשיות, זאגט מען אז דארט איז געווען א בוים, און מען האט עס אראפגענומען, כאטש ער האט עס נישט געטון.

**רבינו:** דאס איז אלעס ווען א יוד האט עס געטון אן א היתר. ער האט געטון א איסור, און ער האט נישט געהאט א היתר דערויף. אבער נישט ווען א גוי טוט עפעס פון זיך אליין. עס איז דער איסור וואס ער האט געטון, נישט דער חפצא איז אסור.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** די שאלה איז צו עס איז נישט דא א שלעכטע מזל אויף דעם מקום.

**רבינו:** די אלע זאכן האבן נישט א מקור, און עס איז זייער שווער צו זאגן.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** דאס איז די שוועריקייט. עס איז נישט דא קיין מקור.

**רבינו:** אז דער רבי וועט פסק'נן אז עס איז גוט, וועט נישט זיין א פראבלעם נאכדעם.

*

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** ל' בחודש מאכט מען חתונה?

**רבינו:** עס איז דא מנהגים אזוי און אזוי.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** ביי אונז האט מען געמאכט, איך האב אליין חתונה געמאכט יארן צוריק.

**רבינו:** נאכן מולד האט מען זיכער חתונה געמאכט. אבער איך מיין אז די וועלט מאכט אפילו פאר די מולד, וויבאלד עס האט די נאמען ראש חודש האט מען נישט מקפיד געווען.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** דער טאטע ז"ל האט חתונה געמאכט קיין עין הרע אזויפיל יארן, און כמעט אלעס איז א תורה שלימה, אבער עס איז דא געוויסע זאכן וואס איז נישט אזוי קלאר. עס ליגט מיר אין קאפ אז ער האט געזאגט פארן מולד אויך, אבער איך קען עס עפעס נישט זאגן אויף זיכער. עמיצער האט מיר יעצט געזאגט, אז ער האט געפרעגט דעם טאטן אויף חתונה מאכן פאר די מולד, און דער טאטע האט אים געזאגט, אז ער קען חתונה מאכן.

**רבינו:** מן הסתם דארף זיין מערערע מעשיות אזעלכע. עס איז מעשים בכל יום.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** יא אבער מען דארף זיך פארלאזן. ווען א יוד דערציילט מיר א מעשה, קען איך נאכנישט אננעמען אויף דעם ארויף צו פסק'ענען.

**רבינו:** אויב ער האט א חתונה בריוול אז מען האט אזוי געטון, קען מען זיך פארלאזן.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** איך געדענק טאקע אז איינער פון די אייניקלעך האט געפרעגט א שאלה אויף א געוויסע זמן פון א חתונה, האט מען אים געברענגט א חתונה בריוול פונעם **אהבת ישראל**, האט דער טאטע געזאגט, אויב איך האב דאס, דארף איך שוין נישט מער. איז יענער געגאנגען נאכקוקן אויף דעם חתונה, און עס איז געווען ל' פארן מולד. נעם איך אויך אן די זעלבע זאך. אויב מען האט אזוי געטון, וואס דארף איך מער. עס איז דאך טאקע א שטארקע זאך.

**רבינו:** עס איז א מעשה רב.

**האדמו"ר מוויזשניץ-מאנסי:** דער טאטע האט געלאזט צוואה אז מען זאל גארנישט שרייבן, און אלעס איז געווען ווייל מען דערציילט נאך זאכען וואס איז נישט ריכטיג. מען האט ערגעץ געדרוקט זאכען פונעם טאטן זצ"ל, איך האב נישט געגעבן קיין הסכמה, אבער על כל פנים זיי האבן אזוי געטון, און זיי ברענגען אראפ פונעם טאטן אסאך זאכען. ברענגען זיי דארט נאך פון מיר, אז איך האב געזאגט ביי די שבעה, אז איך האב געהערט פון מיין טאטן אסאך מאל, אז מזכיר זיין א נפטר האט מען שנעלער מזכיר געווען ווי א חולה. דאס הייסט, אויב א יוד איז אוועק, איז מען גלייך געקומען מזכיר זיין, אפילו אינמיטן דאווענען, אינמיטן פסוקי דזמרה. ביי א חולה האט מען געקענט ווארטען, אבער ביי א נשמה האט מען גלייך מזכיר געווען. אזוי האב איך געהערט פונעם טאטן. איך האב עס דערציילט ביי די שבעה. שרייבן זיי נאך, אז איך האב געזאגט בשם דעם טאטן, אז א נפטר האט מען מזכיר געווען אפילו אינמיטן די שמונה עשרה. איך האב געזאגט, אז ביי א נפטר האט מען נישט געווארט ביז נאך די שמונה עשרה, נאר מען האט מזכיר געווען אינמיטן פסוקי דזמרה. און זיי האבן געשריבן אז מען האט מזכיר געווען אינמיטן די שמונה עשרה. זעהט מען ווי אזוי עס קומט ארויס.

**רבינו:** מיט איין קלייניגקייט.

**ונפרדו לשלום**

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת פרענקל, שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אלמנת הר"ר **ישעיה אשר פרענקל** ע"ה).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' סעודה סימן קע"ד סעיף ה') בבית מדרשנו בבארא פארק.

*

***<u>יום שני פרשת חקת</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שלמה האפפמאנן** הי"ו.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר ניו דזשערזי, לקצירת חיטים למצות מצוה עבור חג הפסח שנת תשע"ט הבעל"ט. בחורי הישיבה גדולה זכו להתלוות **לרבינו שליט"א**, להיות נטפל לעושי מצוה בעת עבודת הקצירה.

**רבינו שליט"א** בדק איכות החטים מכמה שדות, וקצר במגל יד לשם מצות מצוה למשך זמן. אחר הקצירה ביאר **רבינו שליט"א** לבחורי הישיבה יסודות ההלכה בקצירת חיטים, שצריך שיהיו החיטים משומרים מדבר המחמיץ, ומהגשמים היורדים עליו כשאינו צריך לקרקע, ובדברים המסתעפים מדברי השו"ע והפוסקים, שצריכים להזהר בעת הקצירה.

*

***יום שלישי פרשת חקת***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו ברכת אברהם. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל גראס** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי כיתה ד' של התלמוד תורה בבארא פארק (כיתה של הרב **שלום יוסף שענדארף** שליט"א), להבחן אצל **רבינו שליט"א** על משניות מסכת ברכות שלמדו במשך שנה זו.

כמו כן נכנסו תלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה בוויליאמסבורג (כיתה של הרב **יואל זאפיר** שליט"א), להבחן אצל **רבינו שליט"א** על פרק ב' דמסכת קידושין שלמדו בשעות לפני הצהרים במשך שנה זו.

*

***יום רביעי פרשת חקת***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **ראובן לעפקאוויטש** הי"ו, ולבן הר"ר **יואל האבערפעלד** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שמואל פריש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אח"כ השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקעמפ לשהות שם במשך הקיץ, ביחד עם בחורי ישיבתנו הק'.

***יום שני פרשת בלק***

בשעות אחר הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** לחיים לרגל האירוסין של בן הר"ר **אברהם יעקב פריינד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מאיר יוסף פרענקל** הי"ו.

*

***יום חמישי פרשת בלק***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל ועלה לביתו החדש של הר"ר **קלמן יואל סופר** הי"ו, וקבע מזוזה. אחר כך הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** ווייסט אז אין לשון הקודש האט יעדע ווארט א ביאור פארוואס עס הייסט אזוי. אין אלע שפראכן ווען מען גיט א נאמען פאר א זאך, מוז מען דאך עפעס א נאמען געבן, טרעפט מען אויס א נאמען וואס מען זאל געבן. אבער אויף לשון הקודש, יעדע זאך וואס האט א נאמען, ליגט אין דעם נאמען די שורש פון די זאך. די תורה טוט רימען אדם הראשון, אז ער האט משיג געווען אויף יעדע זאך ווי אזוי מען רופט די נאמען דערפון. א הויז, רופט מען אן א בית, כי תבנה בית חדש (דברים כב-ח), פארוואס הייסט א הויז, בית.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, אז עס שטייט אין מדרש (ב"ר א-י), די תורה הייבט זיך אן, בראשית ברא אלקים, מיט א ב'. פרעגט דער מדרש, פארוואס הייבט זיך נישט אן די תורה מיט א א', אזוי ווי די עשרת הדברות וואס הייבט זיך אן מיט א א', אנכי ה' אלקיך (שמות כ-ב), פארוואס די תורה האט דער אייבערשטער אנגעהויבן מיט א ב'. זאגט דער מדרש, ווייל א' איז א לשון פון א קללה, ארור הייבט זיך אן מיט א א'. ב' איז א לשון פון ברכה. די תורה האט נישט געוואלט אנהייבען מיט א קללה, האט די תורה אנגעהויבן מיט א ב', וואס ב' איז א ברכה.

**איך** האב אמאל געזעהן שטיין (בספר **אלופי יהודה** פ' בראשית), אז קללות קען מען טרעפן מיט אלע ערליי אויסדרוקן, מען קען טרעפן א אוצר מיט קללות מיט א ב', און מען קען טרעפן א אוצר פון ברכות, וואס הייבט זיך אן מיט א א'.

פארוואס האט דער מדרש געזאגט, אז די תורה האט זיך נישט אנגעהויבן מיט א א', ווייל א' איז רומז אויף א קללה, און ב' אויף א ברכה.

**דער** אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, עולם חסד יבנה (תהלים פט-ג). **עס איז דא מענטשען וואס לעבן נאר פאר זיך אליין, אלעס האט ער אינזין נאר זיך. אים זאל גארנישט פעלן, ער זאל האבען וואס ער דארף צו האבען, א צווייטער אינטערעסירט אים נישט, צו יענער האט יא, צו יענער האט נישט. און אמאל מאכט ער פאר זיך גרינגער אויף יענעמס חשבון. נאכדעם איז דא א מענטש וואס לעבט נישט פאר זיך, עולם חסד יבנה, דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט, וואס עס קען נישט אליין עקזיסטירן, יעדער דארף טון חסד איינער מיטן צווייטען. איינמאל איז ער אנגעוויזען אויף דעם מיט איין זאך, מארגען איז דער חבר אנגעוויזען אויף אים, מיט א צווייטע זאך. און דאס איז די ברכה, ווען א מענטש לעבט נישט פאר זיך אליין, א מענטש לעבט אלץ מיט אנדערע, ער האט אינזין א צווייטען אויך, דאס איז די ברכה.** - א' איז א לשון קללה, ווייל א' איז איינס, א מענטש וואס לעבט פאר זיך, דאס איז א'. ב' דאס איז ווען עס איז צוויי, א מענטש לעבט נישט פאר זיך, נאר מיט א צווייטען. בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, ווען די תורה האט געוואלט אנהייבען די בריאה פון די וועלט, האט די תורה נישט אנגעהויבן מיט א א', צו וויסן אז מען קען נישט האבן א וועלט וואס א מענטש לעבט נאר פאר זיך אליין. ב' דאס איז דער לשון ברכה, ווען מען הייבט אן בריאת העולם, אז עס נישט נאר פאר זיך נאר פאר א צווייטען אויך, דארט ליגט די ברכה.

**וועגן** דעם האט מען אנגערופן א בית הייסט א ב'. צו ווייזען אז א שטוב דארף נישט זיין נאר פאר זיך, א שטוב דארף זיין ב'. נישט לעבן פאר זיך אליין, זיך מיט די קינדער, נישט נאר זיך אליין אינזין האבן, נאר אינזין האבן אנדערע אויך. - איך האב געפרעגט פארוואס מען דארף האבן אזא גרויסע דיינונג רום, זאגט דער רב, ווייל מען מאכט אזויפיל מסיבות דא, אז עס איז נישט דא קיין פלאץ אז מען זאל קענען מאכן אין א קליינעם שטוב, מוז מען האבן א גרויסע שטוב דערפאר. מעיקרא ווען מען האט עס געבויהט, האט מען עס שוין אזוי געבויהט מיטן חשבון, אז מען זאל קענען מאכען מסיבות של מצוה. עס איז א בית חדש, עס איז א ריכטיגער בית, עס איז נישט געבויהט פאר זיך, עס איז געבויהט פאר אנדערע אויך. זאל דער אייבערשטער געבען, אז קלמן יואל זאל קענען ווייטער אנגיין מיט זיינע מעשים טובים און צדקה וחסד. און קענען מגדל זיין אין דעם שטוב די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך נחת והרחבה, און מיר זאלן אלע זוכה זיין בקרוב צו זעהן בבנין ציון וירושלים, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים לייב אייזיקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **דוד שלמה מערמעלשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי' שרה.

*

***ערב שבת פרשת בלק***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אשר איידליס** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת בלק***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים בעניני חורבן בית המקדש (מתוך הספר מעדנים לנפשך). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יהושע שליט"א**.

* * *

***יום חמישי פרשת פנחס***

לפני תפלת ערבית מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק', לתלמידי הישיבה קטנה.

***ערב שבת פרשת פנחס***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמעון ראטענבערג** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת פנחס***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **ישראל אשר פראמאוויטש** הי"ו לשור אליהו הנביא. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים בעניני חורבן בית המקדש (מתוך הספר מעדנים לנפשך). בברכת המזון נתכבד הרב **שמחה קארניאל** שליט"א.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

**הרה"ק מקאברין זצ"ל** שאל פעם לאברך אחד מבני הנעורים מה מעשהו ובמה מתפרנס. וענה, שיש לו חמש שנים קעסט על שלחן אביו, וחמש שנים הוא יהיה סמוך על שלחן חותנו. ותמה עליו **הרה"ק מקאברין** ואמר, האמינה לי, כשאני רואה שאחד מתעסק לתקן את חלון ביתו שנשבר, מתפלא אני עליו, הלא הנה זה עומד אחר כתלינו, וקרובה ישועתינו לבוא, וחבי כמעט רגע ונעלה לציון ברנה... ואתה דואג ומסדר לעצמך על עשר שנים?!

**והוסיף** רבינו: איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז דער **שינאווער רב** האט געהאלטן, אז תרס"ו וועט זיין דער זמן פון די גאולה, דעמאלטס וועט משיח קומען. אמאל איז אריינגעקומען צו אים א יוד, און ער האט געזאגט, אז מען טראגט אים אן א גרויס געשעפט. א פריץ שטייט צו פארקויפן א גאנצע גיט, פעלדער מיט וועלדער, און ער בעהט דערפאר כך וכך, זייער א קליינע פרייז. אבער מען קען עס אויך דינגען ביי אים, ער איז גרייט עס צו פארדינגען אויף יעדע יאר פאר אזויפיל און אזויפיל. וואס זאל ער טון, צו זאל ער עס דינגען, צו זאל ער עס קויפן. צו קויפן איז עס געווען א מציאה רבה, און פארדינגען איז עס נאר פאר יעדע יאר.

**האט** דער **שינאווער רב** געזאגט, אז מען זאל אים צוזאמרעכענען וויפיל עס קאסט צו קויפן, און וויפיל עס קאסט צו דינגען אויף יעדעס יאר. עס קאסט צו קויפן הונדערט טויזנט דאלער, און עס קאסט צו דינגען, צען טויזנט דאלער יעדע יאר. זאגט דער **שינאווער רב**, מען האלט יעצט תר"ס, אין זעקס יאר ארום, תרס"ו, איז דאך זיכער אז משיח וועט קומען. און פאר זעקס יאר דארפסטו נאר צאלען זעכציג טויזנט דאלער. פארוואס זאלסטו צאלען פערציג טויזנט דאלער אומזיסט ווען דו וועסט עס קויפן. דינג עס אפ אויף די פאר יאר ביז משיח וועט קומען, און אויף נאכדעם דארפסטו זיך נישט זארגען.

**דער** זון פונעם **שינאווער רב** איז געווען דארט, און ער האט געהערט ווי דער פאטער זאגט דאס פאר דעם יוד. און וואס וועט זיין ווען משיח וועט נישט קומען, ער האט דאך געקענט יעצט קויפן אזא גרויסע מציאה, און ער וואלט עס געקענט האבן אויף נאך הונדערט יאר שפעטער. און דער **שינאווער רב** מאכט אים אזא חשבון, אז משיח וועט קומען, און עס לוינט זיך נישט צו קויפן, עס לוינט זיך ענדערש צו דינגען. האט ער געזאגט פארן פאטער, טאטע, איך מיין אז דו זאלסט זאגען דעם יוד אז ער זאל עס יא קויפן. איי ער וועט דאך צאלן מיט פערציג טויזנט דאלער מער, נו, ווען משיח וועט קומען וועט מען שוין אויסרייסען פון דעם גוי צוריק דאס געלט וואס ער האט אוועקגעגעבן, וועט ער אויך נישט קיין שאדן האבן, אבער קודם זאל ער עס אפקויפן. - דער **הייליגער קאברינער** ווען ער האט געזעהן ווי מען פארערעכט א פענסטער, איז עס אים געווען א פלא, אז מען ווארט נישט אז משיח זאל קומען.